ישראל שטערן

# דער זיבעטער „אַדזיאַל" אויף טשיסטע

דאָ שלאָגט מען נישט מיט בײַטשן,
הערצער שלאָגן
און לאָזן נישט אויפגעהן פרעהליך
די פּאַרטאָגן.

און פאַרנאַכטן מיט רויטע געשוואָלענע פּ׳ים
געהען אומגליקליך. און אַליין,
געהען אין לייבער אַריין
און לעזן זיך אויף אין געוויין.

דאָ האָרכט מען גאַנצע נעכט: עס קוילערן זיך די הימלען.
און מ׳טראַכט: „מיר וועלען פון אינעווייניג זיין פערברענט
און ליגן אומגעהאָרפּען ווי בוימער פון אַ דונער;
מיתה־זביה וועט די וועלט אונז אַרויספאַלן פון די הענד" —

לאָזט זיך נישט און כאַפּט זיך אָן ביי די פאָלדען
פּונ׳ם לעבן, און שיילסט שנעל פון אַ פּאַמעראַנץ די הויט;
נאָר ס׳מעסעהל פאַלט דיר אַרויס. ווייל פלוצלונג
האָסטו דערזעהן: דיינע פינגער זענען טויט.

דאָ ווערן די נעצעהלטע טעג
מיט שטורמווינטען אָבגעשלאָסען,
אָדער זיי פאַלן אַזוי עכאָ אַוועק,
ווי די טרעהר פון אַ קינד אויסגעגאָסען: —

אַמאָל וועקט מען זיך אויף מיט פּחדים:—תיינט איז אַ שׂרפה אין
שטעדטעל:

ביי דעם 20־טן, 18־טען און 40־טען בעטעל
הילכען דראָהענדיג די פוסען—שווערע, שלעכט־בשורה׳נע גלאָקען.

און אַמאָל זיצען אויף אַ פוס־בענקעלע ביי דר׳ערד דיין שכנ׳ס אַלע יאָהרען,
זענען בלייך און פערשעמט זיך מודה: „מיר זענען חרוב געוואָרען".
דיין שכנס האָרץ שפּרייזט קוים, שוואַך, ווי אַ שפּרייז תשעה־באָב
אין זאָקען.

טראַכטען דאָ מענשען: אפשר. ווי אַ גאָלדענער עוף
וועלען מיר אַרויספליהען ערגעץ ווייל סוף־כל־סוף
ווערען דאָך צעבראָכען אַלע ווענד, אַלע ווענד,
אפשר וועלען מיר בלויקייט זיין אין פירמאַמענט,
אָבער ס׳זענען צעבראָכען אַלע ווענד, אַלע זענען
וועלען מיר פריי זיין, און פריי אין דער, והער מ׳דערקענט
די שטים האָט שרייען איז שטאַרם אונאָק מיך,
אין וואָלד און אין צעלט, אין ראַדיאָ און אין ווינט:
„אידער זענט מיינע איך שפּעטער און איהר זענט מיינע אַצינד"...

לעבען דאָ מענשען און אַרף זייער קאָפּ און אַרעם
האָט זיך שאָטען־שפּראַך מורא׳דיג פערשריבען:
„ווער רייסט, ווי יאַגדעס, די גרעסטע צאָהל נפטרים ?
די צווייטע אָבטיילונג רייסט און די אָבטיילונג זיבען".

לעבען זיי און ווייסען: סוף כל סוף
פאַלען איין אַלע ווענט, אַלע ווענט,
און עס עפענט ברייט זיך פונאַנדער דער טויער...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

און אָפּט שלאָפט ווער פון זיי איין שטיל—שטיל, ווי דער טרויער
פון אַ פערוואָגעלטע נשמה שלאָפט איין אויף די הענד
פון אַ צדיק.

דער זיבעטער "אָדזיאַל" אויף טשיסטעַ
הײַנט (וואַרשע, 1908–1939)
27, נומ' 107, מײַ 11, 1934, ז' 5